# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת חקת | שנת תשע"א לפ"ק


## מילי דחסידא

**זאת חקת התורה:** פרש"י ז"ל לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה לפיכך כתב בה חוקה, גזירה היא מלפני אין לך רשות להרהר אחריה:

ואמר **הרה"ק ר' מאיר מפרעמישלאן זי"ע** כי בשעה שאדם רוצה לעשות איזה מצוה, מיד בא אליו היצר בטענת מה המצוה הזאת, פי' עשייתך מה שתעשה כעת אינו מצוה, ואינו נחשבת כלום לפני מלך מלכי הקב"ה. ואם האדם כבר עשה המצוה, אזי בא אליו היצר בטענת מה טעם יש בה, פירוש כלום טעמת טעם מצוה רבה כזו שזכית לעשות, ומכניס בו גאוה.

וזהו כוונת רש"י ז"ל בדב"ק **מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה**, כלו' כאן קודם המצוה וכאן לאחר המצות, והעצה לזה כתב רש"י ז"ל על טענת קודם עשיות המצוה **תשיב גזירה היא מלפני** כן צוה המלך, ועל טענת אחר העשי' תשיבהו **כי אין לך רשות להרהר אחריה** (דברי מאיר).

## דרש דרש

**זאת חקת התורה:** דער הייליגער **נועם מגדים** טייטשט דעם פסוק לויט די גמרא (נדרים נ"ה ע"א) **וממדבר מתנה** דרש'ענען חז"ל אויב א מענטש מאכט זיך ווי א מדבר אז ער איז ווי הפקר צו לערנען תורה מיט סיי ווער עס וויל לערנען פון אים, דאן ווערט אים געגעבן די תורה אלס א מתנה אז ער וועט נישט פארגעסן דאס וואס ער האט געלערנט.

דאס זאגט דער פסוק **זאת חקת התורה** חוקה איז א לשון פון חקיקה, אויסקריצן אין הארצן אז ער זאל נישט פארגעסן דאס וואס ער האט געלערנט, וואס קען העלפן א מענטש אז ער זאל אלעמאל געדענקען דאס וואס ער האט געלערנט און ער זאל דאס נישט פארגעסן, **אשר צוה ה' לאמר**, אז ער זאל לערנען מיט אנדערע די מצוות און די תורה פונעם אייבערשטנס, וואס דאן וועט אים די תורה געגעבן ווערן אלס א מתנה און ער וועט נישט פארגעסן זיין לערנען.

❀

**במס' ראש השנה** (דף כ"א ע"ב) **בקש קהלת להיות כמשה יצאה בת קול ואמרה לו** (קהלת י"ב) **וכתוב יושר דברי אמת**, והוא תמוה.

זאגט דער בנין אריאל לויט וואס עס ווערט געברענגט א רמז אין פסוק **ולקחו ל'טמא מ'עפר ש'ריפת ה'חטאת** איז ראשי תיבות **למשה**, וואס קומט זאגן אז דער טעם פון פרה אדומה איז נאר נתגלה געווארן צו משה רבינו. אבער לכאורה קען דער רמז אויך צייגן אויף **שלמה** המלך, ווייל **שלמה** איז די זעלבע אותיות ווי **למשה**, דער חילוק איז אבער אז **למשה** איז דער סדר פון די ראשי תיבות גראד ל'טמא מ'עפר ש'ריפת ה'חטאת, משא"כ ביי **שלמה** מוז איך אויסדרייען די סדר פון די ווערטער.

דאס זאגט די גמרא, אז דעם סוד פון פרה אדומה האט מען אויסגעזאגט פאר משה רבינו, אבער שלמה האט געזאגט **אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני**,

## מעשה רב

### ווי אזוי זאגט מען תורה

ווען דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז נאך געווען א יונגערמאן נאך די חתונה (נאך איידער ער איז געווארן רב אין ארשיווע) האט ער געוואוינט אין די שטאט סאטמאר, און ער האט דארט געהאט אן אייגן בית המדרש.

איינמאל איז געקומען קיין סאטמאר אויף שבת פרשת חוקת **הגה"ק רבי אברהם שלום האלבערשטאם זי"ע דער סטראפקוב'ער רב**, א זון פונעם הייליגן דברי יחזקאל משינאווע זי"ע, און ער האט געוואלט דאווענען אינעם רבי'נס בית המדרש, אבער זיינע חסידים האבן גע'טענה'עט אז ער זאל ענדערש גיין דאווענען אינעם גרויסן שטאטישן שוהל וואו עס דאווענט א ריזיגער ציבור און זיי וועלן אים קענען שטיצן מיט געלט, ווי איידער צו דאווענען אין א קליין בית המדרש'ל, אבער דער סטראפקוב'ער רב האט בשום אופן נישט געוואלט.

האבן דעם **סטראפקוב'ער רב'ס** חסידים זיך געוואנדן צום רבי'ן און געבעטן אז דער רבי זאל מסביר זיין פארן סטראפקובער רב אז פאר די סיבה צו וואס ער איז געקומען קיין סאטמאר איז בעסער אז ער זאל דאווענען אינעם גרויסן בית המדרש, דער סטראפקוב'ער רב האט מסכים געווען, אבער ער האט זיך אויסגענומען אז די טישן וויל ער יא פירן אינעם רבי'נס ביהמ"ד.

פרייטאג צו נאכטס האט דער סטראפקוב'ער רב געפירט טיש אינעם רבי'נס ביהמ"ד, א ריזיגער עולם האט מיטגעהאלטן דעם טיש, פארן בענטשן האט דער רבי מכבד געווען דעם סטראפקובער רב צו זאגן תורה, אבער ער האט נישט געוואלט ווייל זיין טאטע דער שינאווער רב זי"ע האט נישט געזאגט קיין תורה ביים טיש נאר אויב מען האט אים מגלה געווען פון הימל אז ער זאל זאגן.

ביי שלש סעודות האט אים דער רבי נאכאמאל מכבד געווען צו זאגן תורה, האט דער סטראפקוב'ער רב שארף געזאגט "עס שטייט אין פסוק **זאת חוקת התורה אשר צוה ה' לאמר**, קען מען טייטשן, **זאת חוקת התורה** דאס איז דער חק ביים זאגן תורה, **אשר צוה ה'** ווען דער אייבערשטער הייסט, **לאמר** דעמאלטס זאגט מען תורה, אבער אויב עס איז נישטא קיין ציוו ה' זאגט מען נישט קיין תורה!"...

האט זיך דער רבי אנגערופן "איך קלער אז מ'קען טייטשן אזוי, **זאת חוקת התורה**, אשר צוה ה' אויב וועט דורך דעם זאגן תורה ארויסקומען א התעוררות צו דינען דעם אייבערשטן, **לאמר**, דעמאלטס דארף מען יא זאגן תורה"...

האט זיך דער **סטראפקובער רבי** אנגערופן צום רבי'ן "אויב אזוי זאלט איר זאגן תורה", אבער דער רבי האט נישט געוואלט זאגן מפני כבודו פונעם גאסט, און ער איז געבליבן שטיל. אבער דער סטראפקוב'ער רב האט עטליכע מאל געבעטן אז דער רבי זאל זאגן תורה, ביז ער האט געזאגט מיט א שארפן טאן אז ער באפעלט דעם רבי'ן צו זאגן תורה, האט דעמאלטס דער רבי אנגעהויבן זאגן תורה כדרכו בקודש, וואס האט מעורר געווען די מענטשן וואס האבן דאס געהערט.

ווייל ער האט געוואלט אז מ'זאל אים אויך מגלה זיין די סודות ווייל זיין נאמען איז אויך מרומז אין דעם פסוק, אויף דעם איז ארויס א בת קול און געזאגט אז עס שטייט **יושר דברי אמת** אז די דברי תורה גייען גראד און נישט אויסגעדרייט, ממילא איז נאר מרומז למשה, און נישט שלמה.

# בפרדס הפרשה

## ענין נחש הנחשת

מיר לערנען די וואך אין די סדרה אז השי"ת האט געזאגט פאר משרע"ה ווען אידישע קינדער זענען געשטראפט געווארן אז די ברענעדיגע שלענג זענען געקומען און גע'הרג'עט, אז ער זאל מאכן א נחש הנחשת, א קופערנע שלאנג, וואס ווער עס וועט קוקן אויף דעם שלאנג וועט בלייבן לעבן, און דער שלאנג איז געבליבן אין די הייך אויף א שטאנג אלס אייביגער מוסר השכל אז **לא הנחש ממית אלא החטא ממית**, נישט דער שלאנג ברענגט מיתה נאר די זינד.

די גמרא זאגט אין מס' ברכות (דף י' ע"ב) זעקס זאכן האט חזקי' מלך יהודה געמאכט, דריי פון די זאכן האבן די הייליגע חכמים מודה געווען צו אים אז ער איז גערעכט און דריי זאכן האבן זיי געהאלטן אז ער איז נישט גערעכט. (חזקי' מלך יהודה איז געווען א צדיק גמור, און די גמ' דערציילט אין מס' סנהדרין אז אין זיינע צייטן איז נישט געווען קיין איין עם הארץ וואס איז נישט געווען בקי בהל' טומאה וטהרה ווייל ער האט זייער שטרענג פארלאנגט פון אידישע קינדער אז זיי זאלן קענען לערנען).

א) **כתת נחש הנחשת:** חזקי' המלך האט צובראכן דעם קופערנעם שלאנג וואס משרע"ה האט געמאכט, ווייל ער האט געזעהן אז דער שלאנג איז געווארן אן עבודה זרה, און אידן האבן מקטיר געווען קטרת פארן שלאנג.

דער **מהרש"א** שרייבט אז כאטשיג מיט דעם וואס ער האט צובראכן דעם שלאנג וועט מער נישט זיין קיין זכר צום נס און צום מוסר השכל פון אלא החטא ממית, דאך האט ער דאס צובראכן זעהנדיג אז עס קומט ארוים א מכשול דערפון.

אין מס' ע"ז (דף מ"ד ע"א) איז דא א מחלוקה אינעם טעם פארוואס ער האט דאס טאקע צובראכן, ר' יוסי זאגט אז וויבאלד מען האט דאס געמאכט ווי אן ע"ז האט חזקי' געטון דערמיט ווי מ'דארף צוטון מיט אן ע"ז מפזרן וזורה לרוח, און די רבנן קריגן און זיי זאגן אז אפילו אידן האבן געדינט דערצו האט דאס נישט קיין דין עבודה זרה, וויבאלד משה רבינו האט דאס געמאכט פון זיין אייגן געלט, ווי דער פסוק זאגט **עשה לך שרף**, דרש'ען איך "לך" **משלך** און א צווייטער מענטש קען נישט אסר'ן יענעמס זאך. דעריבער האט מען דאס עפ"י הלכה נישט געדארפט צושטויסן. נאר וויבאלד חזקי' האט געזעהן אז אידישע קינדער זענען טועה נאך דעם נחש האט ער דאס צובראכן, און די חכמים האבן צוגעשטימט דערצו.

אין מס' חולין (דף ו' ע"ב) זאגט די גמ' אז אסא און יהושפט האבן שוין מבער געווען אלע עבודה זרות, פארוואס די ע"ז פון נחש הנחשת האבן זיי נישט מבער געווען? נאר מקום הניחו לו אבותיו להתגדר בו – ווי רש"י הק' איז מסביר – האבן זיי האבן בכוונה איבערגעלאזט דעם נחש כדי חזקי' זאל דאס קענען מבער זיין, און אזא דבר גדול זאל בלייבן פאראייביגט אויף זיין נאמען. תוספות אבער זאגט אז פון הימל האט מען דאס אזוי צוגעפירט אז זיי זאלן זיך טועה זיין און נישט מבער זיין דעם נחש, זיי האבן געמיינט אז מ'טאר עס נישט מבער זיין ווייל עס איז געמאכט געווארן עפ"י הדיבור, נאר כדי עס זאל בלייבן פאר אים אזא גרויסע זאך ווי אויסרוימען די ע"ז.

ב) **גנז ספר רפואות שעשה שלמה המלך:** שלמה המלך האט געשריבן א ספר רפואות, און אידישע קינדער האבן זיך זייער פארלאזט דערויף, און נישט געהאט קיין בטחון אין השי"ת ווען זיי זענען נישט געזונט געווען, האט ער דאס באהאלטן.

שפעטער ווען חזקי' המלך איז קראנק געווארן האט ער מתפלל געווען פארן אייבערשטן והטוב בעיניך עשיתי, דרש'ענט די גמ' (ברכות י' ע"ב) וואס איז דער הטוב בעינך עשיתי דאס וואס ער האט באהאלטן דעם ספר רפואות, איז דער שפתי חכמים מסביר ווייל ווען ער באהאלט ווען נישט דעם ספר רפואות וואלט ער זיך דארט געקענט אויסזוכן א רפואה, קומט אוים אז נאר ווייל ער האט דאס באהאלטן פאר כבוד שמים איז ער יעצט קראנק. ווען דעם האט ער געבעטן אז ער זאל ווערן אויסגעהיילט.

ג) **גירר עצמות אביו:** ער האט פארשעמט זיין טאטן אחז הרשע'ס קערפער ווען מען האט אים באערדיגט און ער האט געשענדעט זיינעביינער, נישט געבענדיג דעם כבוד וואס מען האט אפגעגעבן פאר אנדערע קעניגן, ווייל ער איז געווען א רשע, און ער האט געוואלט אז עס זאל זיין א קידוש ה' אז מענטשן זאלן זעהן וואס מען טוט מיט א רשע, און אז דאס זאל אים זיין א כפרה, און ער האט נישט חייש געווען אויף כיבוד אב, ווייל עס איז נישט געווען עושה מעשה עמך.

אויף די דריי האבן די חכמים מסכים געווען, און אויף די פאלגענדע דריי האט מען נישט מסכים געווען:

א) **סתם מי גיחון העליון:** ווען סנחריב מלך אשור איז געקומען לוחם זיין אויף ירושלים האט חזקי' געהייסן פארשטאפן די וואסער פון מי גיחון אז די מענטשן פון אשור זאלן נישט קענען טרינקען, אבער די חכמים האבן נישט מודה געווען צו אים ווייל ער וואלט געדארפט האבן בטחון אין השי"ת.

ב) **קציץ דלתות ההיכל:** די טירן פונעם היכל זענען געווען פון גאלד, האט ער דאס אפגעשיילט און ער האט דאס געשיקט צו סנחריב מלך אשור ווייל ער האט ארויפגעלייגט אויף די אידן אן גרויסע עונש פון געלט, כדי זיי זאלן נישט קומען מלחמה האלטן מיט די אידן, אבער די חכמים האבן נישט מודה געווען צו אים ווייל ער וואלט געדארפט האבן בטחון אין השי"ת.

ג) **עבר חודש ניסן בכ"ט באדר:** ער האט מעבר געווען חודש ניסן אום כ"ט אדר, ווייל עס זענען געווען אידן וואס האבן זיך נאכנישט געהאט מטהר געווען פון טומאת עבודה זרה פון די צייטן פון זיין טאטן אחז, ווייל ע"ז איז מטמא, אבער די חכמים זענען נישט געווען צופרידן ווייל די הלכה איז אין מעברין את השנה בכ"ט באדר כיון שראוי להיות ניסן, צום סוף האט טאקע חזקי' געכאפט אז ער האט געמאכט א טעות און ער האט מתפלל געווען אז זייערע קרבנות זאלן נתקבל ווערן לרחמים (עי' סנהדרין דף י"ב ע"ב).

# מילי דרמיזא

אמרו חז"ל מילי בסלא שתיקתא בתרי. ויש לרמז בזה כי הנה אלדד ומידד נבאו במחנה משה מת ויהושע מכניס, וכל זה נגרם ע"י שהכה משה את הסלע, כי אילו דבר אל הסלע לא נגזרה גזירה, ושפיר היה מכניס את ישראל לארץ.

וז"ש מילי בסלע, אילמלי דיבר משה רבינו אל הסלע, שתיקתא בתרי, היו הני תרי אנשים אלדד ומידד יכולין לשתוק ולא לדבר.

# מילי דשמעתתא

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק ראשון

*

**מיר לערנען די וואך אין די גמרא (דף ל"ד ע"ב) אטו גברא בעי חיי נשי לא בעי חיי?**

**עס איז געווען אמאל ביי א חתונה אין בעלזא וואו הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע איז אנוועזענד געווען, איז געווען א גרויסע געדרענג, און די פרויען האבן זיך אריינגעשטופט אין מענער-זאל.**

**האט זיך דער בעלזער רב אנגערופן "פארוואס שטופן זיך די נשים אלעמאל אריין דארט וואו מ'זינגט?!"**

**האט זיך אנגערופן זיין איידעם דער אויסטילער רב ז"ל "ווייל די גמרא זאגט אין מס' קידושין, אטו גברא בעי חיי נשי לא בעי חיי", די ווערטער קומט מיט א ניגון פון א קשיא, ווייל אויב מ'זאגט עס גלייך קומט אויס אז נשים דארפן ח"ו נישט לעבן...**

**קומט אויס אז דער גאנצער חיות פון נשים איז נאר צוליב א ניגון, וועגן דעם האבן זיי אזוי ליב צו זיין ווי מ'זינגט...**